ב"ה

# זקניך ויאמרו לך

תלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
פה לאנדאן יצ"ו

כתה ו' ז' ח'

פ' וירא שנת תשע"א

**עס דערציילט מיין עלטער פעטער הרה"ח ר' יושע העשיל הכהן דרעזדנער הי"ו**
מיין טאטע הרה"ח ר' משה ע"ה האט געוואוינט אין בראזיל, און בשנת תש"ל האט ער זיך געצויגן קיין אמעריקע, און ער האט ארויסגעדינגען א דירה אויף א אויבערשטער שטאק אין וויליאמסבורג. ער האט אבער דארט נישט געקענט בלייבן וואוינען, און אין וויליאמסבורג האט ער נישט געטראפן קיין געהעריגע דירה, האט ער בלית ברירה מחליט געווען זיך צו ציען קיין בארא פארק.
זייענדיג אינעם אלטן סאטמארער ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו. האט ער געטראפן הרה"ח ר' מענדל האנדלער ע"ה, און ער האט מיט אים געשמועסט, בתוה"ד האט ער אים דערציילט אז בלית ברירה מוז ער זיך ציען קיין בארא פארק, און ער האט זיך אויסגעדריקט, "ווען דער רבי האט שוין אן אייגן שטעטל, וואלט איך זיך יעצט אריינגעצויגן אין שטעטל, אזוי אז עס איז נישטא קיין שטעטל מוז איך זיך אריבערציען קיין בארא פארק"...
ר' מענדל ע"ה פלעגט זיך אסאך דרייען ביים רבי'ן, יענע נאכט ווען דער רבי איז געגאנגען שפאצירן האט ר' מענדל דערציילט פאר'ן רבי'ן דעם שמועס וואס ער האט געהאט מיט ר' משה דרעזנער, אז ער האט געזאגט אז ווייל דער רבי האט נישט קיין שטעטל מוז ער זיך ציען קיין בארא פארק.
דער רבי האט אים איבערגעפרעגט נאכאמאל אז ער זאל איבערזאגן וואס דער טאטע האט געזאגט, און באלד האט ער באפוילן אז מ'זאל אריבעררופן ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה מיט ר' סענדר דייטש ע"ה און ער האט זיי געזאגט "אזעלכע אידן ווי ר' משה דרעזנער וויל איך אז זיי זאלן וואוינען אין שטעטל און ער האט היינט געזאגט אז ווען עס איז ווען דא א שטעטל וואלט ער זיך ווען ארויסגעצויגן אין שטעטל", און דער רבי האט שטארק אויפגעפאדערט אז זיי זאלן זיך ווידער אריינלייגן אין די ארבעט פון זוכן א שטעטל, און דערמאלטס האט מען געטראפן דעם שטעטל קרית יואל, און ביז געציילטע יארן איז עס אויפגעשטעלט געווארן.
דעם טאטנ'ס רצון איז ב"ה נתמלא געווארן, ער האט זיך טאקע ארויסגעצויגן וואוינען אין קרית יואל, און ער ליגט טאקע אויפן בית החיים אין קרית יואל, יהא זכרו ברוך.
(אברהם שלמה פריעדמאן)

מיין טאטע הר"ר אלטר אלימלך שווארץ שליט"א דערציילט ווען די אלטע טשערנאביל רעבעצין וואס איז געווען א טאכטער פון הרה"ק ר' ישעי' מטשחוב זצוק"ל א זון פון די הייליגע דברי חיים זי"ע איז געקומען צו רבינו הק' בעל דברי יואל ווען די רבי זי"ע איז געווען אין בני ברק אז זי האט א זוהן וואס איז נאך אין רוסלאנד און זי האט געדארפט א סכום געלט אים אויסצולייזן האט אים דער רבי זי"ע געהייסן צוריק קומען מוצאי ש"ק, ווען זי איז געקומע איז אויפן טיש געווען א שיינע טייערע טישטיך און צוויי שיינע זילבערנע לייכטער וואס מ'האט מיט געברענגט פון אמעריקא און אויך אסאך קוויטלעך און אסאך געלט, דער הייליגע רבי זי"ע האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט די הייליגע צאנזער רב'ס אן אייניקל און ער האט אנגעכאפט די פיר עקן פון די טישטוך מיט די לייכטערס און געלט און קוויטלעך און איר געגעבן די גאנצע, ווי גרויס איז געווען די כח פון רבי'ן אלעס אוועק צו געבן פאר יענעם.
(מרדכי ארי' שווארץ)

מיין טאטע ר' בעריש רפאפורט שליט"א פארציילט אז ר' מרדכי'לע נאדבורנא זצ"ל איז אמאל געקומען קיי סיגוט און די קדושת יו"ט איז געגאנגען צוזאמען מיט זיין זון די רבי זי"ע די דברי יואל, דער רבי איז דערמאלטס געווען א קליינע יונגל, האט אים ר' מרדכי'לע געזאגט אז ער זאל זען צו ענדיגן יעדע וואך די גאנצע חומש רש"י און ער קען גרויסע צדיקים וואס ווייסן נישט ווי די באשעפער איז ווייל זיי לערנען נישט קיין חומש רש"י יעדער וואך. שפעטער ווען דער רבי איז נישט געזונט געווארן נאכ'ן סטראוק ל"ע איז אים שוין זייער שווער געווען איז ר' מרדכי'לע נאדבורנא זצ"ל געקומען אין חלום זאגן אז ער זאל ווייטער אנהאלטן די שיעור אין חומש רש"י אפילו עס קומט אן שווער.
(נפתלי הכהן רפאפורט)

## "ויקרא בהם שמי"

איך הייס נאל מיין זיידע שמואל אליעזר פערל ע"ה
ער איז געבוירן תרצ"ט און אונגערן אין דעברעצין ער איז געווען אין די געטא צוזאמען מיט זיין זיידע ר' וואלף לאנדא ע"ה מיט די גאנצע משפחה.
זיין טאטע איז אויסגעגאנגען פאר הונגער ווייל ער האט נישט געוואלט עסן טריפה... ער איז געווען פון די ערשטע תלמידים פון די ישיבה און אמעריקא. ער האט זייער א גוטן קאפ אז ווען ער איז געגאנגען קיין ארץ ישראל א חתן ווערן האט זיין מחותן געפרעגט ר' משה ארי' פריינד זצוק"ל וועגן דעם חתן פון אמעריקא האט ר' משה ארי' געזאגט אז דער בחור האט מיר איבערגעזאגט די גאנצע קרעפל פשעטיל אויף אויסעווענדיג. די מדת חסד וואס די רבי האט אריינגעלייגט אין זיינע תלמידים איז ער געווען זייער שטארק... ער פלעגט שיקן פאר לעלוב'ער רבי ע"ה פעקלעך לכבוד שבת אומזיסט, יעדן פסח ביים סדר האט מען געהאט געסט ער פלעגט בארגן געלט פון מענטשן צו קענען פארבארגן פאר אנדערע....
ער האט געוואוינט אין בארא פארק לעבן שפיטאל ממילא פלעגן מענטשן דארט עסן שבת אין שלאפן די שטוב איז געווען אזוי ווי הכנסת אורחים... ער האט אמאל געטראגן צדקה פאר'ן רבי'ן זי"ע די רבי האט עס געהאלטן זייער חשוב ווייל א מענטש וואס געט מער פון וואס ער קען איז געווען פאר די רבי זייער חשוב זאל ער זיין א מליץ יושר פאר יעדן איינעם זי"ע.... און איך זאל זיך פירן אין זיינע וועגן.
(שמואל אליעזר פערל כתה ז')

עס דערציילט מיין טאטע הרב ר' יעקב גרשון בענעדיקט שליט"א אז מיין עלטער זיידע ר' יאסל פריינד ז"ל האט געלערנט ביים רבי'ן זצ"ל און דער רבי זצ"ל האט אים געהייסן גיין נאך געלט, ער איז געווען א שעמעדיגע, ער איז געקומען פון א רייכע שטוב ( א זוהן פון ר' חיים פריינד ז"ל) האט ער געזאגט אז ער וועט ברענגן געלט פון דערהיים און דער רבי זצ"ל האט ער געזאגט, ניין ער דארף אליין גיין! ווייל מען קען ווערן אלט און נישט וויסן ווי אזוי א טובה צו טוהן פאר א איד.
(שמואל בענעדיקט)